# אויפרוף

## אגרויסער מאססמיטינג ביי דיא

—חברה—

# שערי תורה

אזוי וויא אלע וויסען, אז אונזער שוהל „שערי תורה“ איז באמת נרייך צו אלע יוראפער שוהלען, וואו מען דאווענט און מען לערענט, און וואו עס געפינען זיך פערשיעדענע חברות לתורה ולתעודה וויא:

**א חברה ש״ס, א חברה חלוקת הש״ס**
**א חברה משניות, און א חברה תהלים,**

מיט איינעם ווארט. זיא איז אזוי וויא דיא שערים המצוינים בהלכה וואס געפינען זיך אין יוראפ, נאר אזוי וויא דער פלייס איז אונז צו קליין האבען מיר בעשלאסען צו

# בויען א נייע שוהל

וועלכע זאל האלטען ביז 600 סיטס און וועלכע דארף אונז קאסטען ביז 12 טויזענד דאללער. פון דיזער סוממא

**דארפען מיר האבען 2000 דאללער אין קעש**

און דאס איבריגע וועלען מיר שוין קריגען געבארגט ביים קאנטראקטאר.

דארום האבען מיר בעשלאסען צו בערופען א מאססמיטונג

## אויף זאנטאג פ׳ תולדות 10טען נאוועמבער, 2 אוהר נאכמ.

אלע אידען זיינען אונז ווילקאמען, און יעדער יהודי וואס וויל בעלאנגען צו אונזער שוהל, קען ווערען א מעמבער בלויז מיט 10 סענט א וואך וואס ער וועט צאהלען. און דיא יעניגע וואס וועלען אונז מיטהעלפען אויף בויען דיא שוהל מיט 5, 10, 15, 25 דאללער אדער מעהרער, וועלכעס דארף ווערען איינגעצאהלט ביז פורים הבע״ל, ווייל דאמאלס דארפען מיר האבען דיא געלד אויף צו שטעלען זיך בויען אונזער שוהל וועט דיזעס געלד ליגען ביי א טרעזשורער מיט גוטע באנדס, און דיזער טרעזשורער וועט זיך נאר ניט אנקערען מיט׳ן טרעזשורער פון דיא שוהל געלדער וואס מען דארף האבען אויף שטענדיגע שוהל הוצאות.

**דיא געלד וואס יעדער וועט געבען חוץ זיינע 10 סענט וואכער, וועט נאכהער אראבגערעכענט ווערען פון דעם סיט וואס ער וועט קויפען. דיא סיטס וועלען זיין פון 30 דאללער א סיט און העכער.**




אויב אונזער פלאן וועט חלילה ניט אויסגעפיהרט ווערען, דאן וועט יעדער איינער בעקומען זיין געלד צוריק.

### ביי דיעזען מאססמיטינג וועט הרב זיוויטץ און נאך אנדערע בעריהמטע רעדנער

האלטען גוטע רעדעס מענינא.

מיר האפפען, אז יעדער יהודי, וועט מיט חשק בייסטייערן, אויף דיעזער דבר מצוה און יעדער וועט וועלען זיין א זריז ונשכר, ווייל ביים אנפאנג, ווער עס וועט קויפען א סיט, דעם וועט געוויס קאסטען ביליגער, וויא דיא וואס וועלען קויפען שפעטער.

אכטונגספאלל

**חיים דוד זאכס**, פרעזידענט

**חיים דוד שאוועל**, וויס פרעז.

**חיים דייוויס**, טרעזשורער